פנימי | תשל"ט | בלתי מוגה

# משולחן מלכים

## שיחות קודש שנשמעו מפי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## ביקור הגה"צ רבי אברהם ברוך זינגער שליט"א

אבד"ק אלכסנדר, וראש ישיבת תפארת שמואל

## בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א – בקרית יואל יע"א

יום ד' פרשת תרומה תשע"ח לפ"ק

**הגה"צ אבד"ק אלכסנדר מסר לרבינו מכתב הזמנה לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב שהתקיים ביום א' כי תשא תשע"ח לפ"ק**

**אבד"ק אלכסנדר:** כ'האב מיך געמוזט אריין שטופן, כ'האב געוואלט מיין שווער זאל זיין געזונט,[1] זאל קענען זיין ביי די חתונה, א וואך פריער מאכט דער דינובער חתונה, זיין זון איז דאך מיין שוואגער,[2] קיעה"ר איין שמחה נאך די צווייטע.

דער חתן הייסט נאכ'ן ציעשנובער רב.[3]

**רבינו:** כ'זעה דאך דא אזוי אין די הזמנה 'שמחה ישכר דוב', פארשטייט איך ער טראגט זיין נאמען.

דער זיידע ז"ל דער עצי חיים איז געווען אין ציעשנוב, און ער איז אהיים געקומען זייער צוקאכט, ער איז זייער נתפעל געווארן פון יעדעםווארט וואס ער האט אים געזאגט.

**אבד"ק אלכסנדר:** ער איז געפארן קיין ציעשנוב?

**רבינו:** ער איז געווען ביי אים ווען ער האט זיך משדך געווען מיט אים (מרן העצ"ח ז"ל לקח את בנו הגה"צ רבי יחזקאל שרגא ז"ל לחתן לבתו הרבנית רוזא בלומא ע"ה).

**אבד"ק אלכסנדר:** דער שידוך איז געווען אין ציעשנוב? ער האט דאך געהאט דעם חתן?

**רבינו:** יא, אזוי איז געווען, דער זיידע ז"ל איז נאך געווען א יונגערמאן, און ציעשנובער רב איז דאך געווען דעם שינאווער רב'ס א זוהן, איז ער געפארן צו אים.

**אבד"ק אלכסנדר:** דער ציעשנובער רב איז אויך געווען יונג, ער איז אוועק אלץ יונגערמאן (בן מ"ד שנים).

**רבינו:** יא, אבער דער זיידע איז נאך יונגער געווען.

דער אמת איז דער זיידע איז אויך אוועק אלץ יונגערמאן, דער זיידע איז אוועק תרפ"ו, און ער איז אוועק תרע"ד. במילא איז ער געווען עלטער, און ער איז דאך געווען דעם שינאווער רב'ס א זוהן.

**אבד"ק אלכסנדר:** רבי שלום אליעזר'ל איז אויך געקומען צום שידוך?

**רבינו:** ניין. עכ"פ דער זיידע ז"ל דער עצי חיים איז געווען דעמאלטס ביים שידוך אין ציעשנוב, ער איז געווען דעמאלטס אין בעלזא אויך און ער איז געווען אין ציעשנוב. אבער ער האט געזאגט אז ער איז מער נתפעל געווארן אין ציעשנוב ווי אין בעלזא. ער האט געזאגט 'יעדעם ווארט פונעם ציעשנובער רב האט אים עלעקטריזירט פון קאפ ביז פוס'.

און דער זיידע שרייבט אינעם חתונה בריוול – דער ציעשנובער רב האט שוין נישט געלעבט ביי די חתונה –

---

1 ה"ה כ"ק הגה"צ רבי הערשל הורוויץ שליט"א האדמו"ר מסטריזשוב.

2 הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א דומ"ץ ור"מ ק"ק דינוב, בן כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א הוא חתן האדמו"ר מסטריזשוב שליט"א.

3 הרה"ק רבי שמחה יששכר דוב ז"ל נולד בשנת תרכ"ט לאביו הק' משינאווא ז"ל, בשנת תרמ"ו נשא את בתו של הרה"ק המהר"י מבעלזא ז"ל והיה סמוך על שולחן חותנו ז' שנים, ובשנת תרנ"ג נתקבל לאב"ד ציעשנוב, נהג נשיאותו ברמה וקינא לאלוקיו על כל כתות המתחדשים, היה ידוע לאיש אלוקי וקדוש עליון, נהרו אליו הרבה חסידים מבקשי ה' ורבים נושעו על ידו, נסתלק בכ' טבת בשנת תרע"ד והוא בן מ"ד שנים, ד"ת מלוקטים בס' דברי שמחה.

ער שרייבט אויף אים ׳הרב הקדוש׳, ער האט דאך געהאט נאך מחותנים און ער שרייבט נישט אויף זיי ׳הרב הקדוש׳.

**אבד״ק אלכסנדר:** כ׳האב עס געהערט פונעם טאטן דער ברך משה ז״ל, ער האט עס מיר אויך געזאגט ביים שידוך ווען כ׳האב מיך משדך געווען מיט׳ן שוואגער ר׳ דוד (הגה״צ רב דקהלתינו במאנטרעאל שליט״א), ביי מיין איידעם ר׳ אהרן׳ס שבע ברכות, האט ער מיר אויך געזאגט דאס אז דער איינציגסטער אויף וועמען ער האט געשריבן ׳הרב הקדוש׳ איז געווען דער ציעשנובער רב.

**רבינו:** יא, און דאס איז נישט געווען זיין סדר, ער האט נישט געשריבן געווענליך אזעלכע טיטלען.

דער זיידע ז״ל דער קדושת יו״ט – ס׳איז היינט די יארצייט – שרייבט אויפן זיידן רבי שלום אליעזר׳ל ווען ער האט זיך משדך געווען מיט אים, אויפן זיידן דעם עצי חיים׳ס חתונה בריוול, שרייבט ער אויף אים ׳הרב הצדיק׳ אזוי שרייבט ער אויף רבי שלום אליעזר׳ל, בן ׳אדמו״ר הגאון הקדוש׳ מצאנז, מ׳האט זיך נישט געווארפן מיט קיין טיטלען אזוי.[4]

---

4 מצו״ב תצלום מההזמנה ששלח מרן הקדושת יו״ט זי״ע לפני נישואי מרן העצי חיים זי״ע:


בעזה״י הללוהו בתף ובמחול למ״ק

למזל טוב

קול ששון וקול שמחה | קול חתן וקול כלה

קול אומרים הודו לד׳

הוא יום שמחת בני הנ״ל ושנן צמח תהלה לצבי

כמוהר״ר חיים צבי יחי׳

עב״ג הבתולה הכלה המהוללה חמד מעין חיים

מרת ברכה סימא תחי׳

בת הה״צ מו״ה שלום אליעזר האלבערשטאם בסאנץ
בן אדמו״ר הגאון הקדוש מצאנז זצוקלה״ה.

אשר נתנו אי״ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת ה׳ בהעלותך
בערב טו״ב סיון הבע״ל בעיר מארנאוו (גאליציען)

חנני יום טוב ליפא טייטלבוים
אבדקק סיגט והגליל

דער זיידע דער עצי חיים איז נאכאמאל געפארן קיין ציעשנוב, אבער דאס איז שוין געווען ווען דער ציעשנובער רב האט שוין נישט געלעבט, זיין איידעם (ה״ה הגה״צ ר׳ יחזקאל שרגא הנ״ל) איז דעמאלטס אהין געפארן איבער נעמען דאס רבנות דארטן איז דער זיידע מיטגעפארן מיט אים, קיין ציעשנוב.

**אבד״ק אלכסנדר:** דער עצי חיים האט זיך אמאל געטראפן מיטן ישמח ישראל אויך אונטערוועגנס.

**רבינו:** כ׳האב געהערט אזוי נאכזאגן,[5] אבער פון טאטן ז״ל האב איך עס נישט געהערט.

**אבד״ק אלכסנדר:** דער עצי חיים איז אמאל ארויס געפארן אויף ראמעניא שאפן געלט אויף א דבר מצוה, און דער ישמח ישראל איז געפארן אויף די בעדער וועגן די אויגן, דארט האט ער אים געטראפן אונטערוועגנס, און ער געווען אויף שבת ביי אים.

**רבינו:** ס׳איז אינטערסאנט אז פון טאטן האב איך עס קיינמאל נישט געהערט.

**אבד״ק אלכסנדר:** דער רבי דער דברי יואל האט געוואוסט פון דעם.

מ׳זאגט אז דער רבי ז״ל האט אים געזאגט אז זייט זיין טאטן האט ער נישט געטראפן אזא רבי ווי דער בעלזער רב רבי ישכר דוב, האט אים דער עצי חיים געזאגט אז ער האט יא געטראפן, דעם אלכסנדר רבי׳ן.

**רבינו:** כ׳האב געהערט דערפון, פון אנדערע האב איך עס געהערט אזוי נאכזאגן, אבער נישט פון טאטן.

---

5 עיי׳ בס׳ תולדות הישמח ישראל (עמ׳ תרכ״ב) מסופר כדלהלן: שהרה״ק מסאטמאר זצוק״ל בשנות נעוריו היה מסתופף בצלו של אחד מצדיקי דורו, פעם נסע אחיו הרה״ק בעל עצי חיים׳ זצוק״ל לעיירת מרפא, ופגש שם את רבינו (הישמח ישראל), באחד הימים כאשר ה׳עצי חיים׳ נכנס לרבינו ראה אותו יושב ומעיין בקונטרסים מהשיחות קודש שלו.

רבינו נתן לו כמה קונטרסים שיעיין בהם, ויאמר את דעתו עליהם, העצי חיים ממש יצא מהכלים מרוב התפעלותו מדברי קדשו של רבינו, אבל לא עלה בדעתו שהוא יאמר לרבי של עשרות אלפי חסידים שהשיחות קודש שלו עושים רושם, ולכן הוא לא אמר לרבינו מאומה על זה, כשכל כולו מלא התפעלות חזר העצי חיים לביתו, וכאשר נפגש עם אחיו הרה״ק רבי יואל אמר לו:

אתם נוסעים לרבי פלוני שהוא מחנך הדורות עכשיו, אולם אני הייתי אצל הרבי מאלכסנדר וראיתי את ספרו הק׳ שאותו ילמדו דורות הבאים ועליו יתחנכו, על כן עצתי לך, סע לאלכסנדר ותראה הרבי שספרו הק׳ יחנך הדורות הבאים.

**אבד"ק אלכסנדר:** אין יאר תשט"ז איז מיין טאטע ז"ל[6] געגאנגען איבער דרוקן דעם 'ישמח ישראל', און דער רבי ז"ל (רבינו בעל דברי יואל) האט געהאט געבארגט דעם ישמח ישראל פונעם סאדוואנער רב,[7] און ער איז עס געגאנגען צוריק נעמען האט דער רבי ז"ל אים געגעבן געלט צום דריקן, מיין טאטע האט נישט געוואלט נעמען, ער האט אים געזאגט כ'בין צוגעוואוינט אז פאר א רבי'ן געבט מען... האט ער אים געזאגט אז ער וויל ווען עס קומט ארויס זאל ער אים ברענגען איינס, ער האט אים אוודאי געברענגט איינס, און ר' יוסל [אשכנזי] האט דעמאלטס געזאגט פאר מיין טאטן אז ס'איז געליגן א גאנץ יאר ביים רבי'ן אויפן טיש, במשך יענעם יאר.

שפעטער ווען דער רבי ז"ל איז געוועןו אויף א שבת אין טאראנטא, איז געקומען א איד, האט אים דער רבי געפרעגט פון וואו ער איז פונדערהיים? זאגט ער פון אלכסנדר, האט ער אים געזאגט, כ'האב דעם ישמח ישראל איין יאר געהאט אויפן טיש, א גאנץ יאר איז עס געליגן ביי מיר אויפן טיש. וויים איך שוין אז עס איז אמת די מעשה.

**רבינו:** כ'האב אויך אזוי געהערט אז ער האט געבארגט דעמאלטס דעם ישמח ישראל פונעם סאדוואנער רב, ס'איז געווען ווען דער פעטער איז געווען אין שעראן ספרינגס (מקום שהותו של מרן ז"ל כמה שבועות מחדשי הקיץ מדי שנה בשנה עד שנת תשכ"ז לפ"ק) און דער סאדאוואנער רב איז אויך דארט געווען, און דער רבי האט אים געבעטן ער זאל אים בארגן די ספרים ישמח ישראל.

*

**אבד"ק אלכסנדר:** אין פוילן האט מען געשריבן נאר די תפילין כתב אריז"ל,[8] מזוזות און ספרי תורות האט מען געשריבן כתב בית יוסף, עס איז דא א תשובה אין השיב משה (יו"ד סי' נ"א), וואו ער שרייבט אויך אזוי 'מנהגינו שאין כותבים כתב אר"י רק בתפילין', ווען האט מען דאס געטוישט אז מ'שרייבט ספרי תורות און מזוזות אויך כתב אר"י?

דער שו"ע הרב ווען ער שרייבט אין כתיבת האותיות סי' ל"ב, שרייבט ער בפירוש אז כתב האר"י איז בתפילין, ער איז מדגיש דאסווארט 'בתפילין' צוויי מאל.

אין פוילן האט מען טאקע אזוי געשריבן, נאר תפילין. נישט קיין מזוזות און ספרי תורות. ווען האט זיך דאס געטוישט אז מ'שרייבט אזוי?

**רבינו:** ס'איז אזוי, דער קריג דער חורבן האט צומישט געמאכט אסאך פון די מסורה, עס פעלט, ס'איז נישט געגאנגען געהעריג א מסורה ווי דור אחר דור, אזוי ווי 'בבל' סנחריב בלבל את העולם, במילא קומט אוים אז ס'איז דא זאכן וואס זענען נשתנה געווארן.

**אבד"ק אלכסנדר:** דער קלויזענבורגער רב ז"ל האט געלאזט שרייבן א ספר, און ער האט געשריבן מיט כתב בית יוסף. נאך מער ער האט געשריבן אפילו די שמות מיט כתב בית יוסף, ביי אונז שרייבט מען די שמות יא מיט כתב האר"י, אבער ער האט אלעם געשריבן מיט כתב בית יוסף, ער האט געזאגט אז אזוי האט מען געשריבן אינדערהיים.

**רבינו:** כ'קען איך נישט ענטפערן, ס'איז טאקע אינטערסאנט. ווייל דער פעטער ז"ל האט געשריבן א ספר תורה און האט יא געשריבן כתב האר"י, און דער ישמח

---

6 ה"ה כ"ק הגה"צ רבי יחיאל מנחם זינגער ז"ל האדמו"ר מאלכסנדר ב"פ.

7 ה"ה הגה"צ רבי ירחמיאל ישראל סעקולא ז"ל שהי' דר בבארא פארק, הי' מחסידי אלכסנדר לפני המלחמה, ואח"כ הסתופף הרבה בצ"ק של רביה"ק ז"ל. של"ח בשנת תשס"ח לפ"ק.

8 הנה יש שלושה אופני אותיות הקדושים בקדושת האשורית המסורים לנו מדור דור ואשר יסודם בהררי קודש ושבהם נשתמשו עם ישראל לכתבי סת"ם. האחד הוא כפי שנקרא בפי כל 'כתב בית יוסף', וגם נקרא הכתב האשכנזי, שמקור דמות תבניתם מבואר בבית יוסף (בסי' ל"ו) והוא שיטת בעל הברוך שאמר.

השני הוא 'כתב האר"י' זה נתקבל ע"י האר"י הקדוש, וביסודו הוא הכתב בית יוסף, רק בשינויים מסויימים בכמה אותיות, ונהגו בזה המקובלים, ורוב עדת החסידים לבית רבותיהם ההולכים לאור אורו של הבעש"ט הק'.

והשלישי הוא ה'כתב וועליש' הוא הכתב הספרדי שכן נהגו בו לכתוב הסת"ם רוב יוצאי עדות המזרח, והוא לשיטת בעל ה'לדוד אמת' והרחיד"א ז"ל, וזה האחרון דמיונם הוא הנדפסים ברוב דברי הדפוס שלנו, ועל פיהם מלמדים התינוקות כ"ב אותיות התורה הקדושות בתחילת דרכם מימים ימימה, וכתב זה מכונה גם בדברי הפוסקים 'כתב מרובע'.

משה ברענגט דאך אזוי דארט (בסי׳ נ״א) ׳מנהגינו לכתוב דוקא בתפילין ולא בס״ת׳.[9]

**אבד״ק אלכסנדר:** פאר דעם איז מיר געווען א פלא, כ׳האב מיך נאכגעפרעגט ווי אזוי ס׳איז געשריבן, ס׳איז געשריבן מיט כתב האר״י. כ׳האב עס נאכגעקוקט און ס׳איז טאקע אזוי.

**רבינו:** יא, די ספר תורה איז דאך נאך דא, קען מען דאך זעהן.

די מגילה קען מען אויך זעהן וויאזוי ס׳איז געשריבן, ס׳איז דאך דא דעם קדושת יו״ט׳ס מגילה.

**אבד״ק אלכסנדר:** א מגילה איז אפשר נישט געווען אזא קפידא ווי אזוי מ׳שרייבט. אבער מ׳קען זעהן ווי אזוי ס׳איז געשריבן לכתחילה.

**א׳ הנוכחים:** דעם קדושת יו״ט׳ס מגילה איז געווען געריבן י״א שיטין.[10]

**רבינו:** יא, דער פעטער ז״ל האט אויך אזוי געהאט.[11]

---

9 וז״ל שם בשו״ת השיב משה סי׳ נ״א: והנה מבואר שם במצות שמורים בשם מהרח״ו והאר״י זצוק״ל דהשינויים שיש בצורת האותיות בין הספרדים והאשכנזים יש סמך לכולם וסודות עליונים וסמכין עילאין עיי״ש, וא״כ אלו ואלו דברי אלקים חיים הן, ומבואר במשנת חסידים במס׳ תיקון תפילין פרק א׳ הלכה ז׳ דבענין ציור האותיות לא ישנה ממנהגו אם אפשר לו כי שורש יש לכל אלה המנהגים למעלה, אך מבואר שם דאלו האותיות אשר צייר שם בפרטיות לא ישנה לכל המנהגים והצד״י אחד מהן כמבואר שם בהלכה ח׳ ובהלכה י׳ דהיינו שיהיה יוד הפוכה בקו ימין דהיינו כעין שכתב במצות שמורים, אך מבואר שם בהלכה ח׳ דהקפידא ההיא באלו האותיות לכל המנהגים <u>הוא דוקא בתפילין ולא בס״ת</u> כמ״ש שם כך ציורם בתפילין לכולם עיי״ש בתפילין דוקא וזה ברור לכל הבאים בסוד ה׳ כותבין בתפילין כמ״ש במשנת סופרים ובמצות שמורים <u>אבל הצדיק שבס״ת ודאי יש לכתוב כמנהגינו ביו״ד ישרה...</u>

10 הנה מנהג הקדום ברוב תפוצות ישראל היה לקרוא במגילה של מ״ב שורות, כדאי לחוש לדעת הפוסקים הסוברים שצריכים לכתוב המגילה כמו ספר תורה, וספר תורה כותבים מ״ב שורות.

אך מצינו לגדולי עולם שנהגו לכתוב מגילה של י״א שורות ביניהם, ה״ה גאון ישראל רבי עקיבא איגר ז״ל, ועוד. ויש הידור במגילה של י״א שורות, דהרי קיי״ל (שו״ע סימן תרצא ס״ג) עשרת בני המן צריך לכתבם כשירה, ולא כשאר שורות שחלק על גבי הכתב, אלא מניח חלק בין כתב לכתב. ואם לא עשה כן פסולה. [נמצא דכאשר מתחילים העשרת בני המן מ׳איש׳ ביחד הם י״א שורות, ולכן במגילה של י״א שיטין יוצא שכותבים עשרת בני המן באותו גודל כתב כמו כל המגילה].

*

**אבד״ק אלכסנדר:** כ׳וויל איבער געבן פאר׳ן רבי׳ן א גרוס פונעם איינקל יהושע העשיל,[12] ער האט עפעס געקאכט מיט א קשיא אין די ישיבה.

**רבינו:** יא, ער הייסט ׳אברהם יהושע העשיל׳, ס׳איז דעם אפטער רב׳ס נאמען, ער הייסט נאך א זיידן וואס האט געהייסן נאכן אפטער רב.[13] עכ״פ ער האט מיר געשריבן א בריוו ווען כ׳בין געווען אין פאלם ספרינג׳ס, א פלפול אין די סוגיא און א קשיא דארט אין בבא קמא, האב איך אים משיב געווען.

כ׳האב נישט געהאט קיין סך ספרים דארט, האב איך נישט געקענט צופיל צוריק שרייבן, כהאב אים געשריבן אזוי אויסענווייניג.[14]

**אבד״ק אלכסנדר:** כ׳האב געהערט פון די בחורים דארט. ס׳איז געווארן אין ישיבה א גאנצע קאך מיט די בריוו מיט די תשובה פון רבי׳ן.

**רבינו:** קודם איז גוט אז מ׳קאכט אין לערנען, דאס איז זיכער א טובה....

**אבד״ק אלכסנדר:** כל פיטטיא בישין ופיטטיא דאורייתא טבין (ירושלמי ברכות ט, ה), וואס מ׳רעדט אין לערנען איז דאך גוט.

**רבינו:** קוב״ה חדי בפלפולא דאורייתא.[15]

---

11 כן נהגו רבותינו הקדושים ז״ל לקחת מגילה של י״א שורות. ומגילה כזו היה גם למרן הגה״ק בעל קדושת יו״ט ז״ל, ועבר בירושה לבנו הגה״ק בעל עצי חיים ז״ל, ואחר המלחמה הגיע בהשגחה נפלאה לבנו רביה״ק בעל ברך משה ז״ל, (עי׳ סיפור הדברים באריכות בספר ומשה היה רועה ח״ד עמ׳ שי״ט). והוא השאילו בכל שנה לדודו רביה״ק בעל הדברי יואל ז״ל, ואף הוא הזמין מגילה כזו של י״א שורות מהסופר הרה״ח רבי אהרן פאללאק ז״ל.

12 ה״ה האברך היקר הר״ר אברהם יושע העשיל שליט״א בן הגה״צ ר׳ שמואל שלום רוקח שליט״א אדמו״ר מקארוב בן כ״ק הגה״צ רבי משה רוקח מקאזלוב ז״ל. חתן הגה״צ אבד״ק סיגוט שליט״א.

13 הרה״ק רבי אברהם יהושע העשיל רוקח ז״ל בנו של הרה״ק רבי משה מקארוב ז״ל בן הגה״ק השר שלום מבעלזא ז״ל. הוא הי׳ נכד הרה״ק מאפטא ז״ל

14 ונעתיק קצת ממתק לשון רבינו במכתבו, וזל״ק בא״ד: ׳הנה אנוכי יושב בקרית חוצות בלי ספרים לעיין, אבל כפי העולה בזכרון מ״ש בפנים יפות פ׳ חיי וכ״כ בהמקנה בקו״א אה״ע סי׳ ל״ה׳... וכו׳.

להלן תצלום המכתב קודש ששלח מרן רבינו שליט"א לנכדו הנ"ל:


אהרן טייטלבוים

אבדק"ק סאטמאר


אהרן טייטלבוים

אבדק"ק סאטמאר

**אבד"ק אלכסנדר:** כ'קען געבן א שיינעם גרוס ער איז זייער א חשוב'ער בחור ער זיצט און לערנט ביגיעה, ער הארעוועט אויף לערנען.

**רבינו:** ברוך ה', יישר כח.

ביי אונז אין ישיבה מאך איך אויך אזוי מעת לעת, פאר איך פאר אוועק לאז איך איבער א קשיא אין די סוגיא ווי מ'האלט.

**אבד"ק אלכסנדר:** די וועלט זאגט דאך אז רבי לייבוש חריף (ה"ה הגאון רבי ארי' לייב צינץ ז"ל אב"ד פלאצק) **איז געגאנגען זוכן אן איידעם, איז ער געפארן צו א ישיבה און האט געפרעגט א קשיא, און ער האט געזאגט אז ווער עס וועט ענטפערן דעם תירוץ נעמט ער פאר אן איידעם, ער איז געווען דארט דריי טעג און וואס מ'האט אים פארענטפערט האט ער אפגעווענדט, איז ער אוועק געפארן און נישט געטראפן קיין איידעם צו נעמען, ער האט נישט געטראפן דארט וועמען צו נעמען. ווען ער איז שוין געפארן איז אים נאכגעלאפן א בחור, רבי רבי אבער זאגטס מיר וואס איז טאקע יא דער תירוץ? האט ער געזאגט 'אים וויל איך פאר אן איידעם', אויב ס'גייט אים אזוי אין לעבן צו וויסן דער תירוץ וויל איך אים, די צמאון פאר תורה איז וויכטיגער...**

**רבינו:** אין די ישיבה ביי אונז ווערט אויך אזוי, אז מ'פרעגט א קשיא און יעדער זוכט א תירוץ, ווערט א ריתחא דאורייתא, יעדער פראבירט צו ענטפערן, עכ"פ קודם מוז ער פארשטיין די קשיא, ליגט ער שוין אביסל אין לערנען, און מ'איז זיך מייגע.

*

**אבד"ק אלכסנדר:** אינטערסאנט די וואך אין פרשת תרומה איז דא דריי מצוות, אזוי ווערט געברענגט אין ספר החינוך, ס'איז דא די מצוה פון 'ועשו לי מקדש', אלע כלים זענען נכלל אין דעם אפילו דער ארון.[16]

---

15 מקורו בספה"ק מגיד משרים למרן הבית יוסף ז"ל (פ' ויקהל) בקצת שינוי לשון, "הקב"ה חייך בפילפולא דילך, יקריה דקב"ה סליק בפלפולא. ועי' לשון הזוה"ק (פ' פקודי, ח"ב רלה, א:) "דקודשא בריך הוא חדי לה בחידו דאורייתא דאקרי עז, דכתיב (תהלים כט, יא) ה' עז לעמו יתן וגו'", עי"ש.

16 וזה לשון החינוך: מצות בנין בית הבחירה: לבנות בית לשם ה', כלומר שנהיה מקריבים שם קרבנותינו אליו ושם תהיה העליה לרגל וקיבוץ כל ישראל בכל שנה, שנאמר (כה ח) ועשו לי מקדש.

וזאת המצוה כוללת עמה הכלים הצריכים בבית אל העבודה כגון המנורה והשלחן והמזבח וכל שאר הכלים כולם... ע"ש.

**רבינו:** אזוי האלט אויך דער רמב"ם (ספר המצות מצוה כ'),[17] אבער ס'איז אבער דא ראשונים וואס רעכענען יעדע כלי פאר א עקסטערע מצוה.[18]

**אבד"ק אלכסנדר:** יא, 'לא יסורו' [שלא להוציא בדי הארון ממנו (מצוה צ"ו)] איז א באזונדערע מצות לא תעשה. און נאכדעם ביים שולחן איז די 'סידור הלחם הפנים' רעכנט ער אויס באזונדער, די איינציגסטע 'עבודה' וואס ער דערמאנט אין די סדרה דא אין פ' תרומה, איז סידור הלחם הפנים.

**רבינו:** ווייל סידור לחם הפנים איז געווען בכל שבת ושבת. 'ועשו לי מקדש' איז געווען נאר ווען מ'האט געבויעט דעם בית המקדש האט מען דאס מקיים געווען, ס'איז נישט שייך געווען אויף שטענדיג, ס'איז נישט קיין מצוה תמידית.

**אבד"ק אלכסנדר:** דער חינוך רעכנט עס יא אויס אלע כלים ווי א מצוה תמידית.

**רבינו:** דאס איז א חיוב נאר אויב ס'האט זיך צובראכן, אויף בדק הבית.

**אבד"ק אלכסנדר:** אבער די אנדערע עבודות ווערט נישט דערמאנט דא אין די סדרה, דא ברענגט ער נאר לחם הפנים.

**רבינו:** ווייל די וואך איז תרומה, און די עבודה איז אין פרשת ויקרא.

**אבד"ק אלכסנדר:** אבער לחם הפנים ווערט דאך יא דערמאנט דא.

**רבינו:** דאס איז געווען יעדן שבת, רעכנט ער עס אויס ווי א מצות עשה, ווייל דאס איז געווען מדי שבת בשבתו.

**אבד"ק אלכסנדר:** אבער פארוואס דא רעכנט ער אויס דוקא נאר די עבודה?

**רבינו:** בפשטות, דורך דעם וואס ער רעדט יעצט פונעם שולחן, רעכנט ער שוין אויס דעם לחם הפנים.

**אבד"ק אלכסנדר:** אבער די הדלקת המנורה רעכנט ער נישט אויס דא, נאר אין פרשת תצוה.

**רבינו:** בפשטות איז דאס אזוי ווייל די לחם הפנים איז א חלק פונעם שולחן, דער שולחן אהן קיין לחם הפנים איז נישט קיין שולחן, דער מזבח איז א מזבח און די עבודה אויפן מזבח איז מקריב צו זיין קרבנות, די זעלבע ביי די מנורה, אבער ווען דער שולחן האט נישט קיין לחם הפנים דערויף פעלט אינעם שולחן, ונתת על השולחן לחם פנים לפני תמיד.[19]

אין רמב"ן זעהט אויס נאך מער אז דער גאנצער שלחן איז נאר א הכשר מצוה פארן לחם הפנים דאס איז די עיקר פונעם שלחן, במילא איז עס א חלק פונעם עשיית השולחן,[20] במילא דאס וועט זיין א ראי' צום רמב"ן און צו די ראשונים וואס לערנען אז דאס איז די עיקר מצוה.[21]

---

17 כתב הרמב"ם (ספה"מ מ כ') וז"ל: וכבר בארנו שזה הכלל הוא כולל חלקים ושהמנורה והשלחן והמזבח וזולתם כלם הם מחלקי המקדש, והכל ייקרא מקדש, וכבר ייחד הציווי בכל חלק וחלק.

והרמב"ן (שם מצוה ל"ג) השיג ע"ד הרמב"ם וכתב: ולא הוכשר בעיני הטעם שכתב בו הרב שאמר שהם חלק מחלקי המקדש, לפי שאין הכלים חלק מן הבית, אבל הם שתי מצות ואינן מעכבות זו את זו ומקריבין בבית אף על פי שאין בו כלים אלו, ע"ש בדבריו.

ועיי' בס' חמדת ישראל (מצוה כ') שנקט שהרמב"ם והרמב"ן נחלקו במהות המצוה, דהרמב"ם סובר שהיא משום הקרבת הקרבנות, ולכן הכלים הם חלק מבנין בהמ"ק, אולם הרמב"ן כתב כאן בפרשת תרומה שעיקר החפץ במשכן הוא מקום מנוחת השכינה, ולכן סבירא ליה שהכלים אינם חלק מהבנין.

ובאחרונים מובא כמה נפק"מ אי כלי המקדש הוי חלק מבנין המקדש או לא, וא' מהם אי גם הכלים צריך לעשות דייקא ביום ולא בלילה כמש"כ הרמב"ם על בנין המקדש שאסור בלילה.

18 הלא הוא דעת הרס"ג שכתב למנות מצות עשיית המקדש בפנ"ע (עשין המסורין לציבור נ"א), וכן כל כלי מכלי המקדש ייחד בו מצוה בפ"ע, (שם נ"ב - נ"ו) ואין קרא ד'ועשו לי מקדש' אמור אלא במקדש לבדו.

19 כ"כ המנחת חינוך (מצוה צ"ה אות ח') וז"ל: ואפשר דעשיית המנורה היא מדיני המצוה של הדלקת הנרות וכו' וכן השולחן הוא מדיני המצוה של עריכת לחם הפנים וכו'... עכ"ל, ומבואר להדיא שהשולחן הוא מכשירי מצוה לעריכת לחם הפנים.

20 עי' בהשגת הרמב"ן לספר המצוות (מ"ע לג) שכתב בזה"ל: "ולכן לא נמנה אנחנו עשיית השלחן והמנורה והמזבח מצוה מפני שנצטוינו לשום לחם לפני י"י תמיד וצוה אותנו בהכשר העבודה הזאת שהיא לשום אותו בשלחן מתואר כן ושיסודר עליו בענין כן" וכו', עי"ש.

21 ועי' בחי' הגרי"ז בריסק בפ' אמור שהביא בשם הגר"ח ז"ל דמשו"ה בהקמת המשכן היה הצווי תחילה על השלחן ואח"כ על המנורה, לפי שהמנורה דינה נכח השלחן וכל זמן שלא היה עוד השלחן לא הוקבע עדיין מקום המנורה, ומש"ה צריך לשים תחילה את השלחן ואח"כ המנורה נוכח השלחן. ונראה להוסיף דדין נוכח השלחן מתקיים רק כשהוא נוכח השלחן שעליו לחם, והדברים מפורשים להדי' ברמב"ם בהל' ביה"ב פ"א ה"ז "המנורה בדרום משמאל הנכנס ושולחן מימין שעליו לחם הפנים", ומה השמיענו הר"מ בזה שכ' 'שעליו לחם הפנים' אטו לא ידעי' איזה שלחן ישנו בהיכל, ומ"ש הך דינא להל' ביה"ב, אלא דהר"מ השמיענו דמדין קביעות מקום המנורה הוא דיהא נוכח שלחן שעליו לחם הפנים, <u>דאז אית ליה קיום מצוות שלחן בתבנית ביה"ב,</u>

אז מ׳קוקט אריין אינעווייניג אין לשון הרמב״ם ווי ער רעדט פונעם שולחן, קען אפשר אויך משמע זיין אזוי, ער באציעט זיך ביים עשיית השלחן אזוי דירעקט אויפ׳ן לחם הפנים.[22]

און באמת דער דעת זקנים דא אין די סדרה (פ׳ תרומה) זאגט ער, דארט ווי דער פסוק רעכנט אוים אלע נדבת המשכן, זהב כסף נחושת תכלת וארגמן, שטעלט ער זיך אויפ׳ן שמן למאור בשמים לשמן המשחה, דאס איז אלעם נדבות פאר די עבודת המשכן און נישט פארן הקמת המשכן, וואס בפשטות רעדט מען דאך דא נאר פונעם הקמת בנין המשכן.

זאגט ער אזא פשט, אז די שמן למנורה איז געמאכט געווען ווייל ס׳איז א כבוד פארן אויבערשטן אז מ׳איז מאיר אין זיין בנין במקום שכינתו, דאס זעלבע זאגט ער אויף שמן למשחה, אז ס׳איז לכבודו פון השי״ת אז די כלים זענען מבושם געווארן ספעציעל פאר ער איז משרה שכינתו בתוכו, פאר ס׳ווערט קודש דאס צו ניצן, במילא איז דאס טאקע יא פארן הקמת המשכן, ווייל ס׳איז נישט קיין כבוד אויפצושטעלן א בנין פארן מלך וואס מ׳האט נישט מאיר געווען לכבודו, אדער ס׳איז נישט נמשח געווארן ס׳איז נישט נתקדש געווארן לכבודו, אזוי זאגט ער דארט.[23]

במילא קומט אוים דא אויך אזוי, ס׳איז נישט קיין כבוד השי״ת ווען ס׳איז דא דער שולחן און ס׳שטייט ליידיג, במילא פעלט אוים דער ציווי פונעם לחם הפנים ונתת על השלחן לחם פנים לפני תמיד, כדי אז דער שלחן זאל זיין בשלימות.

**אבד״ק אלכסנדר:** אבער פון די מנורה איז שווער פארוואס רעכנט ער נישט אוים דא, נאר אין פרשת תצוה.

---

ועפי״ד הגר״ח מדוייק כן גם בפסוקים, דרק לאחר שנא׳ ויערוך עליו לחם נאמרה מצוות מנורה (שמות מ, כג כד) היינו דאז כבר נתקיים מצוות השלחן וממילא שייכא הצווי של מנורה וכנ״ל.

22 עי׳ בלשון הרמב״ם הל׳ ביה״ב (פ״א ה״ז): ״המנורה בדרום משמאל הנכנס ושולחן מימין שעליו לחם הפנים״.

23 עי׳ בדעת זקנים לבעלי התוספות בפ׳ תרומה (שמות כה, ו): שמן למאור - תימה שכל הפרשה בצרכי בנין, חוץ מפסוק זה שהוא צורך שלחן גבוה, ואינו אומר חטים ללחם הפנים וכבשים לתמידין ועצים למערכה. וי״ל, ששלשתן צורך בנין הן, שמן המשחה שבו נמשחו ונתקדשו כל כלי המשכן, וקטרת נמי שכן דרך מלכים שמבשמין להם הבית קודם שיכנסו לתוכה, וכ״ש לפני ממ״ה הקב״ה, וכן מצינו שעל ידי הקטרת שכינה נראית דכתיב וכסה ענן הקטרת וכתיב כי בענן אראה. ושמן למאור שכן דרך המלכים להדליק נר לפניהם קודם שיכנסו לבית, ואע״ג דלאו לאורה הוא צריך מ״מ הוא כבוד של מעלה.

*

**ובירכו רבינו:** דער אויבערשטער זאל העלפן מ׳זאל זוכה זיין צו פירן אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת, מיט נחת און מיט שמחה, א קשר של קיימא און א בנין עדי עד לתפארת האבות.

**אבד״ק אלכסנדר:** אמן, דער רבי זאל אויך זעהן תענוג ונחת ביי אלע אייניקלעך און אור אייניקלעך, לאורך ימים.

**ואיחל רבינו להחתן:** דער אויבערשטער זאל העלפן זאלסט גיין אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת, אויפשטעלן א דור ישרים יבורך, א בית נכון ונשא, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א שמחה לעולמי עד מיט נחת און מיט שמחה תמיד.

**אבד״ק אלכסנדר:** די חתונה איז אין די וואך פון פורים.

**רבינו:** ס׳וועט זיין מרבין בשמחה.

**אבד״ק אלכסנדר:** אינטערסאנט איז, די גמרא זאגט (מגילה ד.) חייב אדם לקרות המגילה בלילה ולשנותה ביום, אונז ווייסן מיר דאך אז דער עיקר מצוה איז ביום, פארוואס זאגט די גמרא אזוי חייב אדם לקרות המגילה בלילה, די גמרא זאגט אזוי דאס לשון מ׳זאל מיינען אז ס׳איז משניות [כך ס״ל להגמרא בההו״א חייב אדם לקרות המגילה בלילה, ולשנות״ה ביום, מלשון משנ״ה, דצריך ללמוד משניות מגילה מס׳ ביום] די גמרא וואלט געדארפט זאגן פשוט חייב אדם לקרות המגילה בלילה וביום.

**רבינו:** די גמרא פירט דארט אוים אז ולשנות״ה איז א לשון פון חזר׳ן, דאס צווייטע מאל ווערט אהנגערופן לשנות״ה, איבעראל זעהט מען אזוי קריתי ושנית״י, כל השונ״ה הלכות בכל יום, וואס הייסט כל השונה הלכות?, דאס מיינט אויך חזר׳ן, ער לערנט איבער.

**אבד״ק אלכסנדר:** אבער דער עיקר מצוה איז דאך בייטאג.

**רבינו:** יא, די עיקר מצוה איז טאקע בייטאג, ביינאכט איז נאר א חיוב דרבנן.[24]

ס׳איז אפילו דא וואס ווילן זאגן אז קריאת המגילה בלילה האט מען הערשט שפעטער מתקן געווען.[25]

---

24 שיטת רוב הפוסקים דקריאה של לילה אינו אלא מדרבנן, וכמוש״כ הטורי אבן במס׳ מגילה (ד׳ ע״א) ובשו״ת נוב״י (מהדו״ק סי׳ מ״א) והועתק בשערי תשובה (סי׳ תרפ״ז) וכ״כ במחזיק ברכה, ובישוע״י (סי׳ תר״צ סק״ו).

25 עי׳ בשו״ת בנין שלמה (סי׳ נ״ח) שכתב לחדש דתקנת קריאת הלילה היה תקנה מאוחרת עיי״ש.

בייטאג איז אבער דאס צווייטע מאל, דערפאר ווערט דאס אהנגערופן ולשנותה.

און דעם נס פורים דארף מען טאקע חזר'ן, ס'דארף אריינגיין אינעם מענטש.

**אבד"ק אלכסנדר:** יא, דער יערות דבש זאגט אין א דרשה אז פארדעם האט מען מתקן געווען צו ליינען די מגילה ביינאכט ולשנותה ביום, כדי מ'זאל חזר'ן אז דאס איז געווען א נס בתוך הטבע, מ'זאל דאס חזר'ן און חזר'ן אז עד ביאת גואל וועט זיין אזעלכע נסים, זאגט ער 'ולשנותה', דאס דארף מען חזר'ן און חזר'ן. דער עיקר איז טאקע חזר'ן, פארדעם שטייט אזא לשון אז מ'זאל חזר'ן אלע נסים וואס וועט זיין וועט אזוי זיין.

אין טשערנאביל ליינט מען דאך מוצאי שבתות די מגילה. ס'איז דא א מסכת סופרים אז די ערשטע מוצאי שבת ליינט מען ביז 'בלילה ההוא נדדה שנת המלך', און אין די צווייטע ליינט מען פון 'בלילה ההוא' ביזן סוף,[26] ער האט עס געוואלט מבטל זיין, איז דא צוויי גירסאות צי מ'לערנט עס ארויס פון רבי יהושע בן לוי אדער נישט, איז אויך זאגט מען אז דאס איז צו ווייזן אז ס'איז געווען א משך הזמן – זאגט דער חתם סופר – אז מ'מיינט אז אלעס איז א טבע, פארדעם 'ולשנותה' דארף מען עס חזר'ן.

**רבינו:** דער חתם סופר זאגט אין די דרשות אויף שבת שובה (עה"פ בתהלים ואני תמיד איחל וגו'), אז דער נס פורים איז געווען שוין תיכף ביי 'גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים', און דעמאלטס האבן זיי נהנה געווען מסעודתו של אותו רשע, דעמאלטס האט שוין דער אויבערשטער געפירט אז מ'זאל ושתי'ן הרג'נען און דאס איז געווען דער נס. ווייל ווען מ'הרג'ט נישט ושתי, און ושתי לעבט נאך אויך דעמאלטס ווען המן איז נתגדל געווארן וואלט דאך געווען א שרעקליכע צרה, קומט אוים אזוי, דער נס איז שוין געשעהן, נישט ביים סוף, נישט ווי מ'ליינט עס צום סוף פון די מגילה, נאר תיכף אינעם ערשטן פרק פון די מגילה, ווען אידישע קינדער האבן נאך געזינדיגט, דער אויבערשטער האט שוין דעמאלטס מקדים געווען די רפואה למכה, אזוי זאגט דער חתם סופר.[27]

במילא קומט אוים, ווען מ'ליינט די מגילה צום ערשטן מאל זעהט מען נאכנישט דארט עפעס, אבער ווען מ'קומט אהן צום סוף, דעמאלטס ווערט נתגלה דער נס מעיקרא. איז ווען מהאט געליינט ביי די נאכט די מגילה האט מען נאכנישט פארשטאנען אז דער אנהויב פון די מגילה איז שוין דארט דער חלק פונעם נס, אבער נאך וואס מ'האט שוין ביינאכט געליינט די מגילה און מ'האט שוין געזעהן די גאנצע מעשה מתחילתו, איז ווען ס'קומט אינדערפרי, איז ביי די ערשטע העלפט זעהט מען שוין דעם נס איז דער פרסום הנס דורכ'ן 'ולשנותה ביום'.

**אבד"ק אלכסנדר:** טאקע דורכן חזרן ווערט עס נתגלה, וואס מ'האט נאך נישט געזעהן בעפאר.

**רבינו:** אינטערעסאנט, מ'האט דאך גערעדט פריער פון לחם הפנים, אין חתם סופר (תו"מ פ' תצוה) ברענגט ער דעם רוקח (סי' רכ"ה, וסי' ר"מ) אז די פרשה פון לחם הפנים שטייט אין פ' אמור נאך די פרשה פון די נרות המנורה, זאגט דער רוקח אז דאס איז דער נס פורים.

זאגט דער חתם סופר, אז ממוכן זאגט די גמרא (מגילה יב:) האט ער געהייסן ווייל ער האט מקטרג געווען אויפן לחם הפנים, און ממוכן האט דאך געגעבן די עצה צו הרגענען ושתי, און פון דעם איז דאך ארויסגעקומען דער גאנצער נס, אזוי ווי מ'האמיר פריער געשמועסט, במילא איז דא א פאסיגער רמז אויפן נס פורים אינעם לחם הפנים.[28]

---

26 היינו שיש נוהגים לקרות מתוך חומש את המגילה במוש"ק הראשון של אדר שני עד בלילה ההוא, ובמוש"ק השני שלפני פורים מבלילה ההוא עד סופה בלי ברכה.

והמקור הוא במסכת סופרים (פי"ד הי"ח) העיד שכן המנהג בישראל, וכתב ע"ז במשמרת שלום (הלכות פורים סימן נ' אות א') העתקתי זה שמי שירצה לנהוג כן ינהוג, כי מסתמא יש בזה טעמים רמים ונשגבים, ושמעתי כי אחי חמי זקני הרה"ק מו"ה ר' יצחק מסקווירא זצ"ל היה נוהג כן ע"כ. וכן נהגו נכדיו צדיקי בית סקווירא.

27 וזלש"ק: ומ"ש עוד אין בעל הנס מכיר בניסו, הוא ענין אחר, דהנה הנסים הגדולים הנפלאים הניכרים וידועים כקריעת י"ס והדומה הוא ניכר לכל, אך ניסים נסתרים אין בעל הנס מכיר בהם כגון הריגת ושתי אין ספק שבעולם שהי' זה הכנה לכל מה שנולד אחריו, ושוב כמו ג' שנים אח"ז נלקחה אסתר לבית המלך, ולא הרגיש אדם לאיזה סיבה הי' זה, ושוב איזה ימים אח"כ קצף בגתן ותרש והגידה למלך בשם מרדכי, הוא ג"כ ענין שאין לו המשך עם כל הנ"ל, שוב גידל המלך את המן, ומי הבין מה יצמח מזה, עד לבסוף כשנעשה הנס הנפלא ההוא המבין יבין כי הריגת ושתי הי' כעין קריעת י"ס, אלא שאין בעל הנס מכיר בניסיו, וע"ז כתב פרשת דרכים לעושה נפלאות גדולות לבדו פי' הקב"ה עושה נפלאות גדולות לבדו שלא ידע אדם אלא הוא לבדו יודע, ומ"מ מצוה על כל אדם באחרית ימיו לבחון כל אשר עשה ה' עמו מראשית צמיחתו עד אחריתו, ואיך נתגלגלו סיבה וענינים ולספרם לבניו אחריו, גם הם יבחנו מעשה ה' הגדול אשר יעשה עמהם... עיי"ש.

28 ע' בתורת משה (פ' תצוה, מגילת אסתר) איתא ברוקח כי בפרשת אמור אחרי פרשיות המועדים כתיב צו את בני ישראל ויקחו שמן זית זך לרמז

דער טאטע ז"ל אין ברך משה אויף פורים (מאמר אורה ושמחה אות ו) זאגט א שיינעם רמז אויף די גמרא (מגילה ד.) חייב אדם לקרות המגילה בלילה ולשנותה ביום, פארוואס מ'דארף דאס לייענען צוויי מאל.

ער זאגט דארט אז דאס קומט מעורר צו זיין דעם 'אל"י אל"י למה עזבתנו', צוויי מאל אל"י, וואס אסתר האט מתפלל געווען,[29] ער שטעלט דאס צוזאם מיט תקיעת שופר, די גמרא זאגט (סוכה מג.) היינו טעמא דשופר היינו טעמא דמגילה.

**ונפרד רבינו ממנו בברכה:** זייט געזונט, הצלחה רבה אין די ישיבה, אין הרבצת התורה און אין אלע ענינים.

**אבד"ק אלכסנדר:** א יישר כח, בשורות טובות.

---

על חנוכה שיתקנו חכז"ל מועד מדרבנן ואחרי פ' הנירות כתיב פ' לחם הפנים ולקחת סלת ואפית אותה לרמז על פורים ולפי פשוטו מפרשים כי פורים העיקר לשמחה ומשתה מרומז בולקחת סולת וחנוכה העיקר להודות ולהדליק נירות לכן מרומז בנירות ולענ"ד י"ל דהנה איתא (מגילה יב:) אמר רבי לוי פסוק זה כולו על שם הקרבנות נאמר אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה כרשנא כלום הקריבו אוה"ע לפניך כרים בני שנה כדרך שהקריבו ישראל לפניך וכו' ממוכן אמרו מלאכי השרת כלום הכינו שלחן לפניך (פי' לחם הפנים) ואמרו כך כדי לעורר זכות על ישראל והנה ממוכן הוא הי' היועץ שנהרגה ושתי והריגה זו היתה יסוד על הנס כמבואר בכתוב כי על ידי שנהרגה לקח המלך את אסתר אשר על ידה נושעו ישראל בה' ויפה מרומז בלחם הפנים נס הפורים כי ממוכן שמורה על לחם הפנים על ידו נהרגה ושתי ונעשה לנו נס גדול הזה וק"ל.

29 לחיבת הקודש נעתיק את דבריו הק' כפי שנדפס בברך משה לפורים (דף קי"ב) במילואו, וזל"ק: במס' מגילה (ד.) חייב אדם לקרות את המגילה בלילה ולשנותה ביום, שנאמר (תהלים ל יג) למען יזמרך כבוד ולא ידום ה' אלהי לעולם אודך, פירש"י, יזמרך כבוד ביום, ולא ידום בלילה. וראוי להתבונן בטעמא דמילתא שתקנו חכמים לקרות המגילה שתי פעמים.

ב) איתא בדברי יחזקאל (מאמרים לפורים) הרה"ק הרבי ר' ברוך ממעזיבוז זללה"ה אמר, כי מרומז פורים בתורה בפסוק (בראשית כא ח) ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמ"ל את יצחק, הגמל אותיות מגלה, שעשה משתה בפורים, ושאל אותו בדחן שלו מהו הפירוש בתיבת את יצחק, השיבו הרה"ק אמור אתה, ואמר שהוא על דרך מאמרם ז"ל (סוכה מג.) היינו טעמא דשופר היינו טעמא דמגילה, לענין שלא לקרוא המגילה ושלא לתקוע בשופר בשבת, שמא יעבירנו ארבע אמות ברשות הרבים, וזהו הרמז באמרו את יצחק, כי השופר מרמז על אילו של יצחק, והוטב בעיני הרה"ק מהר"ב זי"ע. ואף אנן נימא ביה מילתא לקשר טעמא דשופר וטעמא דמגילה אהדדי.

ונראה בהקדם לבאר מאמר הגמרא במס' ראש השנה (דף טז.) אמר רבי אבהו, למה תוקעין בשופר של איל, אמר הקב"ה תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקידת יצחק בן אברהם, ואמר רבי יצחק למה תוקעין ומריעין כשהן יושבין, ותוקעין ומריעין כשהן עומדין, כדי לערבב השטן. וראוי להבין סמיכות הני תרי מימרות, גם לבאר מדוע מתערבב השטן דייקא כשתוקעין שתי פעמים.

ואפ"ל על פי מאמר הרה"ק רבי שמשון מאסטרופולא זצללה"ה הי"ד (הביאו בבני יששכר אדר מאמר א אות ה) לפרש מדרש פליאה, שאלה אסתר מפני מה נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה, והשיבו לה מן השמים מפני שנעשו ישראל מך ורש, מיד פתחה אסתר ואמרה (תהלים כב ב) אלי אלי למה עזבתני. והענין כי בכל מלאך יש אותיות משמות הקודש אשר הם חיותו הנמשך אליו מחיי כל החיים ב"ה, וכשמסתלק ממנו אותיות של השמות נשאר בלי תנועה וחיות, והנה מיכא"ל אפטרופסא רבא דישראל, הוא הממליץ טוב בעדינו בכל זמן ועידן, בכח אותיות השם אשר בו, היינו אותיות אל"י, ואם ח"ו גורמים העוונות ואינם פועלים בו אותיות אל"י, נשאר מ"ך, וכן עם הקודש ישרא"ל בעצמם דומים למלאכי השרת, חיותם והתגברותם על ידי אותיות השמות המאירים בהם, היינו גם כן אותיות אל"י, וח"ו כשגורמים העוונות אינם פועלים בהם אותיות אל"י, ונשארים ר"ש, וזהו שהשיבו לאסתר מפני שנעשו מ"ך ור"ש, שנחסרו אותיות אל"י ממיכא"ל ונשאר מ"ך, וכן מישרא"ל ונשארו ר"ש, ולזה פתחה אסתר אל"י אל"י למה עזבתני, ועל ידי תפלתה נחזרו אותיות אל"י למיכאל ואותיות אל"י לישראל, עכ"ד. ובזה מפרש בבני יששכר (שם אות ז) את הכתוב (איכה ג כב) חסדי ה' כי לא תמנו, חסדי גמטריא ב' פעמים אלי, על ידי זה לא תמנו, שהוחזרו החסדים ונמתקו הגבורות, עכ"ד.

ובכן לך תעלה טוב טעם על מה שאנו תוקעין בראש השנה דווקא בשופר של איל, אף על גב דקיי"ל (ראש השנה כו.) כל השופרות כשרות חוץ משל פרה, כי אי"ל הם אותיות אל"י, וכוונתינו בזה לעורר על ידי תקיעת שופר רחמים וחסדים לנו ולכל ישראל, שיתעוררו אותיות אל"י במיכא"ל ובישרא"ל, לבל יהיו בבחינת מ"ך ור"ש חס ושלום.

ומהאי טעמא אנו תוקעין ומריעין שתי פעמים, כדי לעורר שתי פעמים שם אל"י, אל"י במיכאל אפטרופסא רבא דישראל להמליץ טוב בעדינו, ואל"י בישראל להיות במעלתם וחשיבותם על כל גויי הארץ, ועל כן מתערבב השטן דייקא כשתוקעין שתי פעמים, כי אז נשלם אל"י למיכאל ואל"י לישראל, ומתעורר חסד"י ה' גימטריא שתי פעמים אל"י, ונמתקו הגבורות ונתעוררו החסדים, וישראל נושע בה' תשועת עולמים.

ולפי זה שפיר מישך שייכי אהדדי הני תרי מימרות למה תוקעין בשופר של איל, ולמה תוקעין ומריעין כשהן יושבין, ותוקעין ומריעין כשהן עומדין, כי אנו תוקעים בשופר של איל כדי לעורר השם אל"י, ומטעם זה עצמו אנו תוקעים שתי פעמים בשופר של איל, כדי להשלים שם אל"י למיכאל ולישראל, ולעורר חסד"י ה' גימטריא שתי פעמים אל"י.

וככל החזיון הזה תקנו לנו חכמים בקריאת המגילה לקרותה שתי פעמים, והטעם כי מה שהתפללה אסתר המלכה בשעת הגזירה אלי אלי למה עזבתני, דבר זה נחקק לדורות, ובכל שנה ושנה כאשר בני ישראל קוראים את המגילה מתעורר עליהם השם אל"י, ולכן קוראים המגילה שתי פעמים, כדי לעורר שני פעמים אל"י, להשלים שם מיכאל ושם ישראל, ולעורר חסד"י ה' גימטריא שני פעמים אל"י.

וזהו ששיבח הרה"ק הרבי ר' ברוך ממעזיבוז זי"ע הרמז בפסוק ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק, הגמל אותיות מגלה רומז על מקרא מגלה, את יצחק רומז על תקיעת שופר שהוא כנגד אילו של יצחק, והיינו טעמא דשופר היינו טעמא דמגילה, אשר בשתי מצוות אלו צריך לעשות המצוה שתי פעמים, כדי לעורר שתי פעמים שם אל"י, להשפיע חסד ורחמים לכל בית ישראל.

# דברות קודש

## מאת כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל

# בשמחת השבע ברכות
# של נכד כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

החתן הרב **מאיר אליעזר** נ"י

בן חדב"נ הגה"צ רבי **ברוך טייטלבוים** שליט"א

רב ביהמ"ד ברך משה קרית יואל יע"א

ליל שישי פ' פקודי העעל"ט בביהמ"ד ברך משה בקרית יואל יע"א

**אחרי ד"ת מעניני שמחת חתן וכלה כדרכו בקודש המשיך רבינו את משא הקודש בענינים העומדים על הפרק אודות השערורי' בענין "תיקון הורוויץ"**

## הוראות לרבים

קודם דארף מען צו וויסן. ס'איז דא אָן א שיעור הלכות וואס א סופר דארף צו קענען. ס'איז דא די זיבן-און-צוואנציג אותיות, קודם די כ"ב אותיות [שבא"ב] און נאכדעם זענען דאָ די אותיות פון מנצפ"ך, וואָס צוזאמען איז דאס זיבן-און-צוואָנציג-אותיות. יעדע אות איז אנדערש ווי די צווייטע אות, יעדע אות האט אנדערע הלכות ווי אזוי מ'דארף שרייבן דעם אות, איין אות איז נישט גלייך צו צווייטן.

נאָכדעם איז דאָ א זאַך, אַז א סופר דארף זיין א גרויסער ירא שמים, אפילו נאך מער ווי א שוחט, ווייל א סופר האט מער נסיונות און מער שוועריקייטן ווי א שוחט. א שוחט שעכט יענעמס הינדל (און אויב איז נישט גוט האָט ער נישט אַזאַ נסיון דאָס איבערצוגעבן), אָבער א סופר שרייבט פאר זיך, און אויב עפעס איז נישט אין ארדענונג האט ער דעם שאָדן. ווען א סופר שרייבט א מזוזה און די מזוזה טויג נישט קען ער דאס נישט פארקויפן, האט ער אומזיסט געארבעט א גאנצן טאג, און צוויי טאג אפילו. ס'איז זייער שווער, און געוואלדיגע נסיונות וואס א סופר מאכט מיט יעדן טאג.

## פתוחות וסתומות הלכה למשה מסיני

איך וויל ארופלייגן אביסל אז מענטשן זאלן פאַרשטיין. מ'רעדט אמאל צו אידן ווען מ'שרייבט א ספר תורה, און מען זאָגט אַז א ספר תורה האט "פתיחות" און "סתומות" און נישט יעדער פאַרשטייט וואָס מען רעדט. מ'פרעגט, וואס

האט א ספר תורה? "פתיחה"? "סתומה"? וואס איז דאס? מ'האט נישט קיין השגה פון די זאַכן.

א ספר תורה איז איינגעטיילט אין פרשיות. דאָס הייסט, נישט די סדרה פון די וואָך, נישט דאָס הייסט פרשיות. נאר דאָרט וואו עס ענדיגט זיך א פרשה לויט ווי עס איז די "הלכה למשה מסיני" אַז דאָרט ענדיגט זיך א פרשה. איז דאָ א פרשה וואס ענדיגט זיך, וואָס דאָס הייסט א "סתימה" דאָס הייסט אז דאָרט וואו די פרשה ענדיגט זיך, בלייבט די שורה ליידיג, אָבער די קומענדיגע פרשה הייבן זיך אָן אין די זעלבע שורה. נאר אַזויפיל, אַז אינמיטן בלייבט ליידיג. דאס הייסט "סתומה" ווייל די שורה איז פאַרמאַכט. נאכדעם איז דא א פרשה וואס ענדיגט זיך אינמיטן א שורה, און ביז צום סוף פון שורה איז ליידיג, און די נייע פרשה הייבט זיך אהן ערשט ביי די קומענדיגע שורה. דאס הייסט א "פתיחה" (ס'בלייבט אָפן ביז צום סוף שורה).

דאס אַלעס איז א "הלכה למשה מסיני". נישט דער סופר באַשליסט, דא מאכט ער א סתומה און דא מאכט ער א פתיחה, ס'גייט נישט אזוי, מ'קען נישט שרייבן וויאזוי מ'וויל, מ'מוז שרייבן וויאַזוי ס'איז מקובל איש מפי איש מפי משה רבינו, וואָס משה רבינו האט געשריבן די ערשטע ספר תורה. ביי א פתיחה דארף מען מאכן פתיחה, און ביי א סתומה דארף מען מאכן א סתומה. אז מ'וועט מאכן פארקערט איז די ספר תורה נישט כשר.

## הרינו כותב לשם קדושת

נאָך אַן הלכה איז דאָ, אַז ווען מ'הייבט אָן צו שרייבן א ספר תורה, פאר מ'שרייבט, דאַרף מען זאָגן "הריני כותב לשם קדושת ספר תורה". דאס הייסט אַז מ'דארף מקדש זיין די ספר תורה פאר מ'שרייבט. מ'קען נישט סתם אזוי אנהייבן צו שרייבן, מ'דארף קודם זאגן "הריני כותב לשם קדושת ספר תורה" אויב האָט מען נישט געזאָגט, איז די ספר תורה נישט כשר.

דאָס זעלבע איז ביי תפילין און מזוזה, דארף מען קודם זאגן "הריני כותב לשם קדושת תפילין" אָדער "הריני כותב לשם קדושת מזוזה". דאס איז מעכב.

ווען ס'קומט צו א שם דארף מען מקדש זיין דעם שם. פאר מ'שרייבט א שם דאַרף מען זאגן "הריני כותב לשם קדושת שם". מ'דארף מקדש זיין דעם שם, אז נישט איז די ספר תורה נישט כשר. אז מ'פארטראכט זיך, מ'האט געשריבן און מ'האט פארגעסן מקדש צו זיין דעם שם, איז עס נישט כשר, און דאָס קען נישט פאַררעכטן אויך נישט. אַז ס'איז אפגעשריבן א שם, א שם איז קודש, דאָס טאָר מען נישט אויסמעקן, און מען מוז בלייבן שטיין, מען דארף די גאנצע יריעה גונז זיין.

איר פארשטייט וואס דאס מיינט. א סופר קען זיך אָפפלאָגן א וואך צו שרייבן א יריעה, א יריעה האט דריי פיר עמודים, און טאמער ער האט זיך טועה געווען און ער האט נישט מקדש געווען א שם, נישט אז יעצט איז נישט גוט און ער דאַרף עפעס איבערמאַכן. ניין, ער מוז די גאנצע יריעה גונז זיין, ער קען עס נישט נוצן, מ'מוז אנהייבן פון פריש. דאס קען זיין א וואך ארבעט.

**און צו דעם דארף מען זיין א ירא שמים! קיינער ווייסט נישט און קיינער זעט נישט!. ער ארבעט ביי זיך אין צימער, קיינער ווייסט נישט און קיינער זעט נישט, נאר דער איין איינציגער באַשעפער זעט! און נאָר אַז מען האָט יראת שמים, איז מען גרייט דערצו.**

## כתיבת ספר תורה, וויאַזוי

וואס איך וויל ארויסברענגען דא, ס'איז איצט אַקטועל אין די גאנצע וועלט דער ענין פון די ספרי תורה. מ'דאַרף פאַרשטיין, א סופר שרייבט א ספר תורה, פון וואו שרייבט ער עס, ער נעמט א חומש און ער שרייבט נאך פון א חומש? דאס גייט נישט אזוי.

ווען א סופר הייבט אָן צו שרייבן אויף קלף, מאכט ער קודם דעם "שרטוט" דאָס הייסט, מען מאַכט א שטריך. נישט מיט א פעדער נאר מען מאַכט א צייכן. קודם מאַכט מען פון אויבן אויף אראפ אויף די רעכטע זייט, און דערנאָך א שרטוט פון אויבן אויף אראפ אויף די לינקע זייט. צווישן די צוויי שרטוטים פון די זייט מאַכט מען דעם שרטוט פון די שורות, וואָס אויף דעם ווערן געשריבן די אותיות התורה, איין שורה, נאך א שורה, און נאך א שורה. די תורה איז איינגעטיילט אויף כך וכך עמודים, און דער סופר דארף דאָס נאָכשרייבן.

איצט מ'קען שרייבן א ברייטערע אות, און מ'קען שרייבן א שמאלערע אות. ווען מ'הייבט אָן צו שרייבן אנהייב שורה, דארף עס זיין אויסגערעכנט אז ס'זאל ענדיגן פונקטליך אויף די האָר ביים סוף פון די שורה. אז נישט וועט אויסקומען אז די אות וועט זיין אריין און די אות וועט זיין ארויס, און ס'איז

נישט קיין שיינער ספר. טאמער שרייבט ער אביסל צו ברייט גייט עס ארויס פון דעם שרטוט איז נישט גוט. נישט אזוי קומט א ספר תורה.

דאס הייסט ווען ער הייבט אן צו שרייבן די שורה דארף עס זיין אויסגערעכנט אַז עס זאָל – אויף ענגליש זאגט מען – "אריינפיטן". עס זאל אריינפיטן די גאַנצע שורה פונקטליך אין די שורה וואס איז אנגעצייכנט.

ס'איז דא געדעקטערע שורות און ס'איז דא שיטערע. ס'איז דא שורות וואס האבן מער אותיות, און ס'איז דא שורות וואס האבן ווייניגער אותיות. נו מיט א קאמפיוטער וואלט נישט געווען קיין פראבלעם, א קאמפיוטער וואלט אלעס מסדר געווען. דא דארף מען אבער שרייבן מיט די הענט, קומט אויס ווען ס'איז א שיטערע שורה דארף מען שרייבן אביסל ברייטער די אותיות. כדי אַז ס'זאָל נישט בלייבן ליידיג, דארף מען זען אַז די אותיות וואָס מען קען זאָל מען מאַכן אַביסל ברייטער, צו אַז א ה' זאָל זיין אביסל ברייטער, די ר' אביסל ברייטער, די ב' אביסל ברייטער, די אַלע אותיות קען מען ברייטער מאַכן. אָבער ווען די שורה איז מער געדעקט, דארף מען זייער אכטונג געבן צו שרייבן נישט צו גרויס און נישט צו קליין, כדי אז ס'זאל אריינפיטן. דאס איז א אומנות פון א סופר.

ווי איך האב געזאגט, דאס איז צעהן מאל שווערער ווי א שוחט, א שוחט שעכט הינדלעך איינס נאך דאס אנדערע די זעלבע קנה, די זעלבע וושט, די זעלבע חיתוך, די זעלבע זאַך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. אָבער דא גייט יעדע אות אנדערש און יעדע שורה אַנדערש. איך זאג דאס אביסל מסביר צו זיין וואס הייסט א אומנות פון א סופר.

## דער תיקון פון א "תיקון"

איצט וויאַזוי באווייזט דאס א סופר (צו שרייבן כהוגן) ער איז דאך נישט קיין מלאך. איז דא א תיקון אויף דעם, דער סופר שרייבט נאך א תיקון, וואס דארט איז אנגעצייכנט די גאנצע ספר תורה. ס'שטייט פאר יעדע שורה, די שורה האט מער אותיות און דאס האט ווייניגער אותיות. דער סופר זאל וויסן וואס ער דארף אריינלייגן דא, יעדע שורה האט דירעקשאַן'ס, דא דארף ער שרייבן ברייטער, דא דארף ער שרייבן שמעלער.

ס'איז דא פארשידענע תיקון'ס פון יארן צוריק וואס סופרים האבן פון דעם נאכגעשריבן, ס'איז דא א תיקון וואס הייסט ר' מנחם דאווידאוויטש'ס תיקון. ס'איז דאַ דער תיקון יענער תיקון. ס'האט פארשידענע נעמען. די לעצטע פאר יאר איז דא א איד וואס הייסט הורוויץ - איך ווייס נישט וויאַזוי ער הייסט אויפן ערשטן נאָמען - וואס ער האט באשלאסן ער מאכט א "תיקון". ער האט געמאכט א נייעם תיקון און דער תיקון הייסט 'תיקון הורוויץ'. דער 'תיקון הורוויץ' האָט אויסגעקוקט בעסער ווי די אנדערע תיקונים. וואס הייסט ס'האָט אויסגעזען בעסער? ס'איז באקוועמער פארן סופר, ער גיט מער אנווייזונגען פארן סופר. א "שם" צום ביישפיל איז ביי אים געמאכט מיט גאלדענע אותיות, אזוי אז ווען דער סופר קוקט אין תיקון און ער זעט א גאלדענע ווארט, ווייסט ער באלד אז דא קומט א שם, און דא טאר איך נישט פארגעסן מקדש צו זיין, אזוי אז ער זאל נישט מאכן קיין טעותים.

אזוי איז דא נאך זאַכן – איך בין נישט קיין סופר איך זאל פונקטליך וויסן מיט וואס ס'איז אלס באַקוועמער – אבער דאס איז א באקוועמליכקייט פאר די סופרים, און זייער אסאך סופרים האבן זיך צוגעכאפט צו דעם נייעם תיקון, און מ'האט נאכגעשריבן דעם תיקון.

דעם תיקון האט מען – ווי מ'זאגט אין אמעריקא – אפגרעיטעדט. יעדע יאר האט ער עס בעסער געמאכט, ער האט משנה געווען דעם תיקון, און אלעס איז געווען וואויל און פיין.

## "תיקון הורוויץ" א תיקון אָדער פאַרקערט?

האט זיך אבער אויסגעשטעלט אז דער תיקון (תיקון הורוויץ) האט אסאך גרייזן. מילא איז אויסגעקומען אז די סופרים האבן נאכגעשריבן דעם תיקון - מ'רעדט פון ערליכע וואוילע חשוב'ע סופרים, ער קען זיין דער גרעסטער ירא שמים - אַז ער האט א תיקון הורוויץ פאר זיך, ער שרייבט נאך דעם תיקון, שרייבט ער גרייזיג. ממילא איז אויסגעקומען אז ס'איז דא הונדערטער ספרי תורות היינט צו טאג אין די גאנצע וועלט וואס זענען פסול. דער בעה"ב האט באצאלט שווערע געלטער, א איד האט זיך געלאזט קאסטן שווערע געלטער, ער האט געמאכט א חינוך ספר תורה מיט גרויס פאראדע לכבודו של תורה, אָבער די ספר תורה איז פסול.

ס'איז דא פסולים וואס מ'קען פאררעכטן, און ס'איז דא פסולים וואס מ'קען ניטאמאל פאַררעכטן. דאס הייסט

טאמער האט ער געמאכט א טעות אין א ווארט, צי אַז ס'פעלט א ווארט – ס'איז דא פסולים וואס פעלט ווערטער – אָדער איז דאָ א טעות אַז מען האָט איבערגעדרייט, מ'דארף – לאָמיר זאָגן – שרייבן א ח' און א ת' האט ער געשריבן א ת' און א ח'. דאס איז טאַקע פסול, אבער דאס קען מען פאַררעכטן. מ'מעקט עס אויס מ'שרייבט אריין ווי אזוי ס'קומט.

אָבער ס'זענען דא פסולים וואו דער תיקון הורוויץ האט געמאכט טעותים לגבי מקדש זיין א שם. נישט יעדע שם איז קודש, ווען ס'איז דעם אויבערשטענס נאמען איז עס קודש, אָבער – למשל – דער פסוק "ועבדתם אלהים אחרים" וואס דער אלהים מיינט דאך א אפגאָט, און דאָס איז חול, דאס איז נישט קודש, און דאס טאר מען נישט מקדש זיין. מ'טאר נישט מקדש זיין א שם וואס איז נישט קודש. ווידער זענען דא שמות וואס איז א ספק. אברהם אבינו האט גערעדט צו די מלאכים האָט ער זיי געזאָגט "א'ד'נ'י' אל נא תעבור מעל עבדך" זאגט רש"י צוויי פשטים, איין פשט זאגט רש"י אז ס'איז קודש, און איין פשט זאגט ער אז ס'איז חול. און וואס איז דאס, איז דאס קודש צי ס'איז חול, דאס קען זיין א ספק (להלכה נעמט מען אן אז ס'איז קודש).

יעצט אויב דער תיקון האט געהייסן אויף א שם וואס איז קודש, און ער האט אָנגעצייכנט אז דאס איז נישט קודש, דער סופר האט דאס נאכגעשריבן און ער האט נישט מקדש געווען איז דאס נישט כשר. וואס זאל מען יעצט טוהן, דארף מען די גאנצע יריעה איבערשרייבן, מ'קען דאס נישט אויסמעקן, א אנדערע ווארט קען מען אויסמעקן.

**דאס איז יעצט די איבערקערעניש אין די וועלט, א גרויסע איבערקערעניש אין די אידישע וועלט.**

# הלכה למעשה, בודק זיין ספרי תורה

...וועגן דעם, איך רעדט דא אין דעם ביהמ"ד, אָבער איך וויל רעדן צו אלע אונזערע בתי מדרשים די בכל אתר ואתר, צו אלע גבאים פון אלע בתי מדרשים. יעדער איד וואס האט אריינגעגעבן א ספר תורה פון שנת תשע"ח אהן און ווייטער, זאל אנפרעגן דעם סופר וועמען ער האט פארטרויעט צו שרייבן זיין ספר תורה "וועלכע תיקון האסטו גענוצט?".

איך האב אויך געשריבן א ספר תורה במשך פון די צייט און איך האב שוין אנגעפרעגט מיין סופר "וועלכן תיקון האסטו גענוצט?". ער האט מיר געענטפערט ער האט גענוצט דעם תיקון דאַווידאָוויטש.

אזוי דארף יעדער איד וואס האט געשריבן א ספר תורה, אנפרעגן זיין סופר, און טאמער איז עס געגאנגען דורך א מעקלער זאל ער נעמען דעם מעקלער און פרעגן, איך וויל וויסן פון מיין סופר וועלכע תיקון ער האט גענוצט. אויב האָט גענוצט 'תיקון הורוויץ' טאר מען נישט ליינען אין די ספר תורה, ווייל אסאך זענען פסול.

וואס דארף מען טוהן? מ'דארף עס בודק זיין! די מעשה איז דאך אזוי, מ'האט דאך עס בודק געווען, אבער דער קאמפיוטער כאפט נישט אויף אלע גרייזן, איז עס א ספר שאינה מוגה, טאר מען נישט ליינען דערין!.

**וועגן דעם וויל איך זאגן פאר אלע גבאים פון אלע בתי מדרשים, איך רעדט יעצט צו אלע גבאים איבעראל, יעדער גבאי יעדע ביהמ"ד, ס'קומט שבת מ'דארף ליינען – איך רעדט שוין נישט די אנדערע וואך וואס איז פרשת זכור, און ס'דארף זיין א כשר'ע ספר תורה – נאר יעדע וואך דארף זיין א כשר'ע ספר תורה, און יעדן טאג וואס מ'ליינט דארף זיין א כשר'ע ספר תורה. אלע גבאים אין די בתי מדרשים זאלן זען אכטונג צו געבן, אז מ'נעמט ארויס שבת א ספר תורה זאל דאס זיין א כשר'ע ספר תורה.**

מ'דארף זען, וואס מ'קען פאררעכטן זאל מען פאררעכטן אויף דער אופן וואס ס'איז שייך. ס'וועלן זיין שווערע שאלות, שמות וואָס מ'האָט יא מקדש געווען אָדער נישט מקדש געווען. דאס וועל איך שוין איבערלאזן שפעטער פאר די מורי הוראות צו פסק'ענען אויף די ספרי תורות. אבער ביז דערווייל, יעדע ביהמ"ד וואס האט געשריבן א ספר תורה, זאל געוואויר ווערן אויף זיין ספר תורה צי ס'איז כשר צי ס'איז נישט כשר, און ווי אזוי מ'קען עס פאררעכטן, און ווי אזוי מ'דארף עס פאררעכטן.

**איך נוץ אויס די געלעגענהייט דא, ווייל איך רעדט יעצט דא ברבים, וויל איך עס אויסנוצן צו רעדן פאר אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל מקיים זיין מצות ומעשים טובים, בתכלית הכשרות, מ'זאל האבן סייעתא דשמיא, ערליכע אידן ווילן זיין ערליך, אידן לאזן זיך קאסטן גרויס געלט מקיים צו זיין מצות ומעשים טובים, מ'זאל האבן סייעתא דשמיא מ'זאל עס קענען מוציא זיין מכח אל הפועל.

# דברי הכנה לקראת יום הפורים הבעל"ט לתלמידי המתיבתא הק' בקרית יואל יע"א

### אצל שיעור תהילים יום ב' ויקרא תשפ"ד לפ"ק
### בהיכל המתיבתא – סניף דברי יואל – קרית יואל יצ"ו

דוד המלך זאגט אין תהלים קאפיטל יט פסוק ב' גם עבדך נזהר בהם בשמרם עקב רב, שגיאות מי יבין מנסתרות נקני. האב איך געקלערט אזוי, אויפ'ן פסוק והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה זאגט רש"י מצות קלות שאדם דש בעקביו, מצות קלות וואס א מענטש טרעט מיט די פיס, בעפאר דעם שטייט אין פסוק (יט, ב) פקודי ה' ישרים משמחי לב, פקודי ה' די גזעצן פונעם אייבערשטן ישרים זענען רעכטפארטיג, ישר זענען פיל מיט יושר, משמחי לב זיי זענען משמח א הארץ, פקודי ה' ישרים 'ישרים' איז א לשון רבים, ס'איז ישר בעיני ה' און ישר בעיני האדם, תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם, און אויף דעם זאגט דוד המלך גם עבדך נזהר בהם בשמרם עקב רב, בשמרם עקב רב אז מען היט דעם עקב רב, והיה עקב די מצות קלות שאדם דש בעקביו, דאס איז גם עבדך נזהר בהם, מען דארף זען אפצוהיטן די אלע מצות שאדם דש בעקביו.

עס קומט יעצט חודש אדר ב', דאס איז דער חודש אדר שמרבין בו בשמחה, דאס מיינט שמחה בכפלים, ווייל שוין אינעם ערשטן חודש אדר דארף מען מרבה זיין בשמחה, קומט אויס אז דעם צווייטן חודש אדר דארף מען מרבה זיין בכפלים, דאס איז פקודי ה' ישרים משמחי לב, דער הדר קבלוהו בימי אחשורוש משמחי לב דאס ברענגט ארויס די שמחה, פורים איז דער קלימאקס ווען עס קומט ארויס, עס גייט אזוי מען איז מרבה בשמחה און מרבה בשמחה ביז עס קומט דער יום טוב פורים.

גאנץ כלל ישראל איז מרבה בשמחה, זקנים עם נערים, ובפרט בחורים, חייב אדם לבסומי בפוריא מען דארף זיך משמח זיין, מען דארף זיין מבוסם. מנהג ישראל אזוי ווי מרדכי הצדיק האט מתקן געווען אז מען דארף געבן מתנות לאביונים גייט מען ארום נאך געלט, אזוי איז געווען דער מנהג אלע יארן מקדמת דנא אז אידן זענען געגאנגען נאך געלט פורים, "ובפרט בחורים", אין צאנז איז דאך געווען דער הייליגער דברי חיים דער גרויסער בעל חסד, און ער האט געפירט טיש, און אז ער האט געזען א אינגערמאן ביים טיש האט ער געפרעגט וואס טוט א אינגערמאן ביים טיש, א אינגערמאן דארף גיין נאך געלט פורים.

**ישראל קדושים הן, נתבעים ונותנים, גרויסע סכומים ווערט אויסגעטיילט אינעם טאג פון פורים, די ימי השמחה, מען דארף גיין נאך געלט און בחורים אודאי, מנהג ישראל אז מען גייט טאקע נאך געלט, און מען דארף צו זיין בשמחה, מען דארף זיין מבוסם, אבער ווען מען גייט נאך געלט, די מצות קלות שאדם דש בעקבי"ו, דארף מען זען אז עס זאל זיין והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, עס איז טאקע מצות קלות שאדם דש בעקביו אבער עס דארף אויך צו זיין תשמעון את המשפטים האלה, מען זאל זיך האלטן צו די פקודי ה' ישרים, ישר בעיני ה' און ישר בעיני האדם, מען דארף גיין נאך געלט מיט א שיינעם געהויבענעם התנהגות, די וועלט זאגט א ווערטל וואס ביים ניכטערן איז אויפן לונג איז ביים שיכור'ן אויפן צונג, ס'איז נכנס יין יצא סוד, ס'ברענגט ארויס דאס פנימיות פון א מענטש, א ערליכער געהויבענער בחור ווען ער איז מבוסם ברענגט עס ארויס זיין ערליכקייט זיין געהויבנקייט, זיין יראת שמים זיין תורה וואס ער האט געלערנט, מען זעט אז דאס איז א בחור א בן תורה, א חסידישער בחור, דאס פנימיות קומט ארויס פון אים, טאמער איינער איז חלילה פארקערט קומט ארויס דאס פארקערטע,**

**דאס ברענגט ארויס וואס א אנדערע מאל פארדעקט ער, דאס ווערט יעצט נתגלה.**

מען גייט נאך געלט, מען דארף גיין מיט נימוס און מיט דרך ארץ, מען קומט אריין צו א איד אין שטוב דארף מען זיך אויפירן אהרנטליך נישט חלילה להיפך, טאמער פירט מען זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, ווי א געהויבענער בחור פירט זיך אויף, איז שם שמים מתאהב על ידו, ער ברענגט ארויס פון זיין אויפפירונג א קידוש השם, מען זעט א ערליכקייט א געהויבנקייט פונעם בחור, און טאמער נישט איז דאס פארקערטע, און אחד שוגג ואחד מזיד בחילול ה', און אויף דעם זאגט דוד המלך ווייטער אין פסוק גם עבדך נזהר בהם בשמרם עקב רב, שגיאות מי יבין, די שגיאות, אסאך טעותים אסאך שגיאות ווערט געמאכט אין פורים, מען שעמט זיך נאכדעם וואס מען האט געזאגט, ווי אזוי מען האט זיך אויפגעפירט, מען דערמאנט זיך, צו אנדערע דערמאנען דאס התנהגות פון א בחור וואס איז געווען שלא כהוגן אויב עס איז געווען שגיאות, מען שעמט זיך פאר זיך אליין.

**מען דארף זען מען קומט אריין אין א שטוב און מען איז מבוסם און מען גייט נאך געלט, עס זאל זיין דערהויבן, די ניגונים דארפן זיין דערהויבן, די שירים די ריקודין, בשמרם עקב רב, די מצות קלות שאדם דש בעקביו, אז א איד זעט חסידישע בחורים און ער קומט פארציילן איך האב געהאט ביי מיר א קבוצה פון איידעלע בחורים מאכט מען א ברכה הטוב והמטיב, און טאמער איז עס א קבוצה וואס פירט זיך אויף שלא כהוגן איז עס א חרפה און א בושה.**

**איך וויל בעטן יעדן בחור, בחורים בכלליות וואס גייען אין א קבוצה, און יעדן בחור בפרטיות, ס'זאל זיין די שירה וזמרה און די ריקודין אזוי ווי עס פאסט זיך פאר ערליכע בחורים, בחורים יראי ה', וואס זיצן א גאנץ יאר און זענען עוסק בתורה, די קאפ ליגט זיי אין הוויות דאביי ורבא, נאר ניגונים פון חסידישע אידן, חסידים ואנשי מעשה, חס ושלום זיך לאזן וואוילגיין מיט ניגונים פון קלים, פון פוחזים וריקים, נישט ווען מען איז אין א שטוב און נישט ווען מען פארט אין די גאסן, עס איז אויסגעקומען שוין צו רעדן פורים קטן ברבים, מ'האמיר גערעדט באריכות בגנות פון די געמיינע מוזיק דאס צושפילן, וכהנה וכהנה, וואס דאס ברענג מיט זיך מיט, מען דארף נישט נאכאמאל איבערחזר'ן די אלע ענינים.**

איך וויל נאר זאגן מען האט געשטעלט גבאים אויף אלע חבורות זיי זאלן זיין עומד על המשמר אז עס זאל זיין א געהויבענע יו"ט, און טאמער איז דא חלילה איין פורץ גדר וויל איך בעטן די איבריגע בחורים וואס זענען אין די קבוצה **אז מען זאל מוחה זיין און מען זאל זען אז עס זאל זיין געהויבן און איידל, עס זאל זיין א הייליגע יו"ט, עס זאל זיין מיט א עזות דקדושה מען זאל זיך נישט לאזן אראפשלעפן פון אפאר שוואכע בחורים.**

**איך וויל בעטן די נגידים המתנדבים בעם, אז עס קומט אריין א איידעלע קבוצה, א איידעלע חבורה, וואס זיי פירן זיך אויף איידל, זאלן זיי ארויסווייזן א פנים שוחקות פאר זיי, מען געט דאך געלט, זאל עס זיין ברוח נדיבה לכבוד דעם וואס זיי זענען איידל, און טאמער זעט מען פארקערט, זאל מען זיי זאגן, און מעורר זיין, איך בעט דיר ביי מיר אין שטוב זינגט מען נאר ניגונים פון יראי ה' וחושבי שמו, ישראל קדושים הן נתבעים ונותנים.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז גאנץ כלל ישראל זאל זיין אינעם כלל פון קדושים תהיו, דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיך קענען משמח זיין דעם יו"ט פורים, עס זאל משפיע זיין שמחה אויף א גאנץ יאר, שמחה של מצוה, שמחה של קדושה, שמחה פון התרומות הנפש, מיט א דערהויבענקייט, דער הדר קבלוהו בימי אחשורוש זאל זיך אנזען אויף אלע רמ"ח איברים און אויף אלע שס"ה גידים, דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו השפעות קדושות בגשמיות וברוחניות, ביז מ'וועל מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן.